ראָזענטאַל, זלמן - (טעלענעשט, בעסאראביע

1892 — טעלענעשט, מערץ 19, 1959) — העברעאיש־ייִדישער פֿאָלקסדיכטער, קינדער־שרײַבער, פֿאָלקלאָריסט. שטאַמט פֿון אָרעמער און ייִחוסדיקער משפּחה. געלערנט אין חדר ביז 10 יאָר. פֿלעגט אָפֿט מיטפֿאָרן אין דאָרף אַרײַן, דערקענט די נאַטור, די פּויערים און די ייִשובניקעס, און דאָס איז שפּעטער געוואָרן דער הויפּטמאָטיוו פֿון זײַנע בעלעטריסטישע ווערק. 1914 געגרינדעט אַ ייִדישע שול אין טעלענעשט. געענדיקט גימנאַזיע־קורס ווי אַן עקסטערן אין אַדעס און שפּעטער שטודירט אין אוניווערסיטעט. פֿון 1919 געלעבט אין קעשענעוו. 1940 פֿאַרשיקט געוואָרן אויף 14 יאָר קיין אַרכאַנגעלסק פֿאַר לאַנגיאָריקער פּועלי־ציוניסטישער טעטיקייט. 1955 זיך אומגעקערט קיין קעשענעוו צעבראָכן און קראַנק. — י.ח. ראַבניצקי האָט אים מקרב געווען און אָפּגעדרוקט ר׳ס ערשטע זאַך — מאָנאָלאָג פֿון אַ שוויגער — אין מ. ספּעקטאָרס אונזער לעבען (וואַרשע, א״פ ש. אַשכּנזי). פֿון צײַט צו צײַט פֿאַרעפֿנטלעכט קליינע בילדער און פֿעליעטאָנען אין אַדעסער ט״צ גוט מאָרגען (א״פ ייִדל טשאַד), לידער אין דער שטראַהל (ב״אַ, 1913־1914). 1917 געוואָרן שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון ט״צ דאָס נײַע לעבען (רעד׳ אַ. כאַשין). דאָרטן געדרוקט אַ ריי דערציילונגען און אידיליעס. 1919 אָנגעשריבן אַ סעריע קינדער־מעשיות. זינט 1926 פֿאַרעפֿנטלעכט אַ סך קליינע דערציילונגען און נאָוועלן פֿון בעסאַראַבער לעבן אין דער ייִדישער פּרעסע פֿון רומעניע, ווי אויך אין צוקונפֿט, די וועלט (בערלין), טאָג, דאָס אידישע פֿאָלק, אילוסטריטע וואָך, ליטעראַרישע בלעטער, אַלטנײַלאַנד, ארץ־ישראל־צײַטונג א״אַ. רעדאַקטירט: האַלבוועכנטלעכע צײַטונג אונזער וואָרט (אָדעס, 1919), קעשענעווער ט״צ דער איד (מײַ 1920 — יוני 1922) און אונזער צײַט (1922־1938, מיט הפֿסקות) — דעמאָלט די אייציקע ייִדישע ט״צ אין רומעניע. פֿון 1925 אַרויסגעגעבן אַ חודשניק פֿאַרן אידישן קינד (קעשענעוו). געפֿאָרשט ייִדישע עטנאָגראַפֿיע און פֿאָלקלאָר, געזאַמלט אַרום 300 ייִדישע פֿאָלקסלידער און אַליין געשריבן מער ווי 100 לידער אין פֿאָלקסטאָן. טייל פֿון זיי זײַנען געזונגען געוואָרן אין שולן און דורכן פֿאָלק, אַ צאָל ווי אַנאָנימע פֿאָלקסלידער, ווי, למשל, ס׳איז צעבראָכן אונזער דעכל (אין ל. ווײַנערס כאָרן זינגען, נ״י, 1940); בײַ דעם שטעטל שטייט אַ שטיבל (לאָמיר זינגען, נ״י, 1956). אין רשומות, ב׳, (ת״א) געדרוקט בײַ 100 ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿון בעסאַראַביע. פֿאַרטראָטן אין מעלצערס על נהרות. — אין בוכפֿאָרעם: לידעלאַך. אָדעס, בלימעלאַך [1918]. 15 זז׳; אונטער אליהו׳ס בוים (מעשה׳לאַך פֿאַר קינדער). 12 זז׳; דאָס וואונדער ציגל. 12 זז׳; מוציק. 20 זז׳; מיאַהו. 12 זז׳; ניני און נינאַ. 12 זז׳; דאָס ציגעלע באַם וויגעלע. 12 זז׳; דער קרעטשמער. 8 זז׳; מעשה׳לאַך פֿאַר קינדער [88] זז׳ — אַלע אָדעס, נײַע לעבען, 1919; פֿון מײַן היים. נאָוועלן. קעשענעוו, 1936. 240 זז׳; אונזער לאַנד. רעפּאָרטאַזשן פֿון ארץ ישראל. קעשענעוו, 1938. 223 זז׳. געשריבן אַ סך אין העבר׳ צײַטשריפֿטן. אין העבר׳ אַרויס אַ באַנד דערציילונגען אַנשים ורגבים (ת״א, תש״ט) און אַן איבערז׳ פֿון זײַנע קינדער־מעשיות א״ט גדי הפלאות (ת״א, תשכ״א). גענוצט אויך די פּסעווד׳ ז. ראָזען, פּעטער מאיר, בן ישראל, BENO א״אַ. ר׳ס „דערציילונגען פֿון בעסאַראַביע אָטעמען ... מיט אַ ליבשאַפֿט צו דער נאַטור, צום פֿאַסטעכס פֿײַפֿל, צום מאָלדאַוואַנישן פּויער און סתּם צו די ווײַטע אומעטיקע סטעפּעס ... און מיט אַ בענקשאַפֿט צום לאַנד פֿון חומש.״ (ש. ביקל)

ז. רייזען, 4; ג. קרסל, 2; פרסומים. אינדעקס; ש. ביקל, טאָג־מ״זש, אַפּריל 3, 1955; ב.י. מיכלי, על אַדמת ביסרביה, 1. ת״א, תשי״ט. ע׳ 181־182, 187־188; י. באָטאָשאַנסקי, די פּרעסע, ב״אַ, יוני 10, 1959; אָרשת, ב׳. ירושלים, תש״ך; ידע עם, ת״א, 1965: 30; ש. שפּירא, אַשר לאורם הלכתי. ת״א, ע׳ 211־213; א. פֿאָרשער, פֿאָרווערטס, דעצ׳ 10, 1972; סאָוועטיש היימלאַנד, מאָסקווע, 1972: 3; נ. מאַרק, ספֿרות־ייִדיש ברומניה. ת״א, 1973. אינדעקס; צוזאַמען, ת״א, 1974.